


# פאנדעמיק אנעמפלוימענט אסיסטענס

## וואס איז PUA?

פאנדעמיק אנעמפלוימענט אסיסטענס (PUA) איז א נייע פעדעראלע פראגראם וואס איז א טייל פון די קאראנעווייירוס עיד, רעליעף, עקאנאמישע סעקיוריטי (CARES) אקט. PUA שטעלט צו פינאנציעלע הילף פאר אמעריקאנער וואס קענען נישט ארבעטן צוליב די קאראנעווייירוס פאנדעמיק אבער קוואליפיצירן נישט פאר טראדיציאנאלע אנעמפלוימענט אינשורענס (UI).

## ווער זאל זיך איינגעבן?

איר זאלט זיך איינגעבן אויב איר קענט נישט ארבעטן אלס רעזולטאט פון די קאראנעווייירוס פאנדעמיק און סיי וועלכע פון די פאלגנדע זענען שייך פאר אייך:

- זעלבסט-עמפלויד ניו יארקער;
- אינדעפענדענט קאנטראקטערס;
- פארמערס;
- די וואס זענען דיאגנאזירט מיט COVID-19 אדער האבן COVID-19 סימפטאמען און זוכן א דיאגנאז;
- די וואס וואוינען מיט א הויזגעזונד מיטגליד וואס איז דיאגנאזירט געווארן מיט COVID-19;
- די וואס שטעלן צו קעיר פאר א פאמיליע אדער הויזגעזונד מיטגליד דיאגנאזירט מיט COVID-19;
- א הויפט קעירגעבער פאר א קינד וואס קען נישט גיין אין שולע אדער אנדערע פאסיליטי צוליב COVID-19;
- די וואס קענען נישט דערגרייכן זייער ארבעטספלאץ צוליב אן ארויפגעצוואונגענע קווארענטין אדער וויבאלד א מעדיצינישער פראוויידער האט זיי געראטן צו זעלבסט-קווארענטינען צוליב COVID-19;
- די וואס זענען געווען געסקעדזשולט אנצוהויבן נייע ארבעט און קענען נישט אנקומען צו זייער ארבעטספלאץ אלס א דירעקטע רעזולטאט פון COVID-19;
- די וואס זענען געווארן א הויפט ברויט-ברענגער וויבאלד דער הויפט פון זייער הויזגעזונד איז געשטארבן פון COVID-19;
- די וואס האבן אויפגעגעבן זייער ארבעט אלס א דירעקטע רעזולטאט פון COVID-19;
- די וועמענ'ס ארבעטספלאץ האט זיך פארמאכט אלס א דירעקטע רעזולטאט פון COVID-19;
- די מיט נישט גענוג ארבעטס היסטאריע און אפעקטירט דורך COVID-19; און
- ניו יארקער וואס זענען אויך אין אנדערן אופן נישט קוואליפיצירט פאר רעגלמעסיגע אדער פארלענגערטע UI בענעפיטן און אפעקטירט דורך COVID-19. פאר מער אינפארמאציע אויף בארעכטיגונג קליק'ט דא.

## וואס וועל איך באקומען?

אויב איר קוואליפיצירט פאר PUA, וועט אייער בענעפיט ראטע זיין באזירט אויף אייערע לעצטיגע פארדינסטן. בשעת איר זענט ארבעטסלאז, וועט איר אויך באקומען פעדעראלע פאנדעמיק אנעמפלוימענט קאמפענסאציע באצאלונגען פון $600 פער וואך פאר די בענעפיט וואכן וואס ענדיגן זיך 4/5/2020 ביז 7/26/2020 און $300 פער וואך פאר די בענעפיט וואכן וואס ענדיגן זיך 1/3/2021 ביז 9/5/2021.

## ווי אזוי געב איך זיך איין?

DOL האט געעפנט א פארבעסערטע, גרינגערע אנליין אפליקאציע וואס ערלויבט ניו יארקער זיך איינצוגעבן פאר טראדיציאנאלע UI אדער PUA, געוואנדן אויף אייער בארעכטיגונג. איר דארפט נישט אויספולן א באזונדערע אפליקאציע פאר PUA.

### די בעסטע וועג צו זיך איינגעבן איז אנליין:

- באזוכט unemployment.labor.ny.gov
- די אפליקאציע וועט באשטימען פאר וועלכע פראגראם - UI אדער PUA - איר זאלט זיך איינגעבן און דאן אייך פראמפט'ן צו ענטפערן פראגראם-ספעציפישע פראגעס
- DOL וועט פראצעסירן אייער אפליקאציע און וועט זיך פארבינדן מיט אייך אויב מען דארף נאך סיי וועלכע אינפארמאציע

### אויב איר קענט זיך נישט איינגעבן אנליין, קענט איר זיך איינגעבן דורכן טעלעפאן:

- רופט **1-888-209-8124**
- נוצט די אויטאמאטישע טעלעפאן סיסטעם זיך איינצוגעבן
- DOL וועט פראצעסירן אייער אפליקאציע און וועט זיך פארבינדן מיט אייך אויב מען דארף נאך סיי וועלכע אינפארמאציע

### וואס איז אויב איך האב זיך שוין איינגעגעבן פאר PUA?

- אויב איר האט זיך שוין איינגעגעבן פאר PUA, דארפט איר נישט נעמען קיין שום שריט
- אויב DOL דארף נאך אינפארמאציע, וועט א פארשטייער זיך פארבינדן מיט אייך

## וואס זאל איך טאן אויב איך האב אריינגעגעבן אן אפליקאציע אבער איך בין נישט זיכער וואס דער סטאטוס דערפון איז?

איר קענט נאכקוקן דעם סטאטוס פון אייער קלאגע אנליין דורכן אריינ'לאג'ן אין אייער NY.Gov אקאונט אויפן DOL וועבזייטל. אויב איר זעט אז עס איז נאך אלס פענדינג, דארפט איר גארנישט טון; מיר האבן צוגעלייגט טויזנטער DOL פארשטייער וואס ארבעטן צו פראצעסירן אייערע קלעימס ווי שנעל עס איז מעגליך.


די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט וואו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אווילעבל אויף פארלאנג פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס.